NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04856

SHTENDIK ZAYN ZOL DI MAME!

*Permanent preservation of this book was made possible
by Harriet Lewis
in honor of
Eli Newbrun & Gabriel Ray Mintz*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

№ 7 (67) ביבליאָטעק פון „סאָוועטיש היימלאַנד"

בײַלאַגע צום זשורנאַל נומ. 7, 1986

שטענדיק זײַן זאָל די מאַמע!

(זאַמלונג פון קינדערשע געמעלן)

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל" • מאָסקווע • 1986

אונטער דער אלגעמיינער רעדאקציע
פון ארן ווערגעליס

אינהאלט

געמעלן פון ביראָבידזשאַנער קינדער 4—47

פאר די קינדערסוועגן

ליב קוויטקאָ 48
ביניאָמין גוטיאנסקי 55
שיקע דריז 59

קינדער האָבן ליב צו מאָלן די וועלט, וואָס רינגלט זיי אַרום. די וועלט הייבט זיך אָן בא זיי טאָמיד פון דער היימישער שוועל, פון דער מאַמען... זי, די מאַמע, טראָגט מיט זיך דאָס געגאַרטע גליק פון א ריינעם הימל איבערן קאָפּ, פון ערשטע קאָנטאַקטן מיט דער מי, מיט דער ערשטער לער, מיט דער שפּיל און דעם אָפּרו.

זאָל די זון שטענדיק שײַנען!
שטענדיק זײַן זאָל דער הימל!
שטענדיק זײַן זאָל די מאַמע!
איך זאָל אויך שטענדיק זײַן! —

אָט וועלכע געפילן און טרוימען עס האָבן באַווירקט אויך די קינדער פון ביראָבידזשאַן אָנצומאָלן די סעריע בילדער, וועלכע מיר גיבן דאָ אין דער פאָרם פון א בײַלאַגע צום יוגנטלעכן נומער פון „סאָוועטיש היימלאַנד", וואָס וועט דערשײַנען צום 25-יאָריקן יובילײַ פונעם זשורנאַל.

די אויטאָרן פון די געמעלן זײַנען דערצויגלינגען פון דער סטודיע באַם ביראָבידזשאַנער פּאַלאַץ פון פּיאָנערן און שילער — אייניקלעך און אוראייניקלעך פון די ערשטע פּיאָנערן פון דער טײַגע-געגנט. אויפן צווישנפעלקערלעכן קאָנקורס פון קינדערשער קאָלירטער גראַוויור, וועלכער איז פאָרגעקומען אין דער פּוילישער שטאָט טאָרון, האָבן די שאַפונגען פון די קליינע ביראָבידזשאַנצעס באַקומען די העכסטע באַלוינונג — א „גראַן-פּרי".

דאָס פאָלק זאָגט, אַז מיטן מויל פון די קינדער רעדט דער עמעס. אונדזער פּובליקאַציע באַשטעטיקט עס פולקום.

אײביק זײַן זאָל
די מאמע

לאַבאַווא יוליא, 12 יאָר אלט.
אונדזער מאמע

ניט פאר
מילכאָמעס
אונדזערע זין
מיר כאָווען



דאַראָפּייעווא קאַטיאַ, 13 יאָר אַלט.
ניט פאַר מילכאָמעס אונדזערע זין מיר כאָווען

סאקעוויטש וואליא, 11 יאָר אלט.
מיין מאמע



רעווזינא נאטאשא, 12 יאָר אלט.
מײַין מאמע איז א דאָקטער



פּאָנאָמאַריאָווא אָליא, 9 יאָר אלט.
דער מאמעס ליבהאָבער פונעם בוך



לאַבאַווא יוליא, 12 יאָר אלט.
דער מאַמעס ארבעט



וויאַלקאָווא יוליאַ, 9 יאָר אַלט.
מײַן מאַמע איז אַ פּאַרקױפֿערן

איוואנאָווא סוועטלאנא, 11 יאָר אלט.
מײַן מאמע איז א לערערן

קוזמענקאָ לענאַ, 11 יאָר אלט.
אונדזער מישפּאָכע

Ж.К.

קאווערזין יעווגעני, 10 יאָר אלט.
די מאַמע

כאָכלאָווא נאטאשא, 14 יאָר אלט.
דער אראָפּנעם פון גערעטעניש





קאַלאַשניקאָװא אירינא, 13 יאָר אַלט.
מײַן מאַמע איז אַ בױערן

Ю.Д



דעניסאָווא יוליא, 10 יאָר אלט.
א קינסטלערן



באַלפּינאָווא אַליא, 8 יאָר אלט.
כאַסן־קאלע



באָרדאָדימאָווא אָליא, 13 יאָר אלט.
א צווילינג



לעווינא דינא, 13 יאָר אלט.
אין גאָרטן



דעניסאָווא יוליא, 10 יאָר אלט.
מײַן מאמע איז אַן־אינזשעניער



לומעלסקאיא סוועטלאנא, 12 יאָר אלט.
א מײַסטער



טאַרפֿוסמאַן אינאַ, 7 יאָר אַלט.
אַן אויפֿעסציכטלערן



גאָלפמאַן נאַטאַשא, 11 יאָר אַלט.
מיר באָדן זיך

A C.



סמאָלין אליאָשא, 12 יאָר אלט.
מײַן באָבע איז מיר ווי א מאמע

אבראמאָווא אָליא, 12 יאָר אלט.
דער מאמעס צאָפּ

פאר די קינדערסוועגן

לייב קוויטקאָ

א מײַסע

קינדער,
קאפינדער,
איציק פיק!
כ׳קען א מײַסע
אן אנטיק!

נעמט צונויף
די שפּילעכלעך,
די שפּילעכלעך,
די מילעכלעך,
די מילעכלעך,
דאָס הויז —
דאָס מײַסעלע הערט אויס!

קינדער,
קאפינדער!
א הון מיט א האָן —
די מײַסע די שיינע,
זי הייבט זיך שוין אָן.

זי הייבט זיך שוין אָן.
א קו מיט א קאלב,
די מײַסע די שיינע,
זי איז שוין בא האלב.
זי איז שוין בא האלב,

3—1746

א קאַץ מיט א מויז —
די מײַסע די שיינע,
זי לאָזט זיך שוין אויס!
נעמט צוריק
די שפּילעכלעך,
די שפּילעכלעך,
די מילעכלעך,
די מילעכלעך,
דאָס הויז —
דאָס מײַסעלע איז אויס!

אף דער זון

די זון איז ארויס,
די זון איז ארויס,
ווער ס'שטייט אף דער זון —
יענער וואקסט אין איר אויס.

דער בוים ווערט צעפּיקט,
די בלום ווערט צעבליט,
פון דער זאַפּטיקער ערד
אלע שפּראָצונגען ציט —

צו דער זון, צו דער זון,
צו דער פריילעכער זון.
יעדעס מינדסטע געוויקס
איז אין וואקסן פארטון.

און איך מיט די פרײַנט
בין אין דרויסן ארויס,
אינעם קאַן, אינעם טאָג,
אף דער זון וואקס איך אויס!

איך בין אַ קאַזעקל

בין איך מיר געגאַנגען
יאַגעדעס רײַסן,
טרעף איך אפן וועג
אַ שטיקעלע אײַזן.
האָב איך דאָס שטיקעלע
אײַזן באַטראַכט —
און האָב עס געצויגן,
און האָב עס געצויגן,
און האָב פון דערפון
זיך פּאָדקאָוועס געמאַכט, —
האָט שוין מײַן פערדל פּאָדקאָוועס.

בין איך זיך געגאַנגען
הוידען און וויגן,
טרעף איך אינעם גראָז
אַ לעדערל ליגן,
האָב איך דאָס שטיקעלע
לעדער באַטראַכט,
און האָב עס געשקראָבעט,
און האָב עס געטשאָבעט,
און האָב פון דערפון
זיך אַ זאָטל געמאַכט,
האָט שוין מײַן פערדל אַ זאָטל.

בין איך מיר געגאַנגען
פּאָשעט שפּאַצירן,
טרעף איך אפן וועג
אַ זילבערן שנירל,
האָב איך דאָס זילבערנע
שנירל באַטראַכט —
און האָב עס צעשוונדן,

געקניפּט און געבונדן,
און האָב פון דערפון
זיך אַ צײַמל געמאַכט,
האָט שוין מײַן פערדל אַ צײַמל.

פּאָדקאָוועס איז דאָ,
אַ זאָטל איז דאָ,
אַ צײַמל איז דאָ,
אַ שווערד און אַ קאָזעק —
אוואַדע איז דאָ, —
נאָר קיין פערדל איז ניטאָ...
און דער קאָזעק
שטייט אויף דער ערד —
ווײַל דעם קאָזעק
פעלט דאָס פערד.

ווער וואָלט דעם קאָזעק
אַ פערדל געבראַכט?
איך בין אַ קאָזעק
און רײַס זיך אין שלאַכט.
ווי קען אַ רײַטער
זײַן אָן אַ פערד?
ווי זאָל ער פליִען
פאָרויס מיט דער שווערד? —
איך בין אַ קאָזעק?
איז גיט מיר אַ פערד!

דאָס פידעלע

אַ זײַטל פון אַ קעסטעלע
און פעדעמער פון שטריק.
מאַך איך מיר אַ פידעלע,
מאַך איך אַן אַנטיק.

א צווײַגל פֿון א ביימעלע,
לאנגע האָר פֿון פערד,
צי איך אָן א סמיטשעקל
און צעשפּיל זיך, הערט!..

די בין בלײַבט שטיין און זשומעט ניט.
די קאַץ פֿארײַסט דעם קאָפּ,
סע לאָזן זיך די לאָשעקלעך
אוועק אין א גאלאָפּ.

די הון פֿארגעסט די הינדעלעך
און הערט זיך צו מיר אײַן.
— פֿארגעס ניט, הון, די הינדעלעך,
זיי וועלן אין טאָפּ ארײַן!

סע שפּילט, סע שפּילט מײַן פֿידעלע:
טרײַ-לי, טרײַ-לי, טרײַ-ליי!
דרײַ פּיקערס אפֿן קארשנבוים
טשיריקען צו דערבײַ.

דרײַ פּיקערס אפֿן קארשנבוים
מיט העלדזעלעך ווי אַש.
סע טוט א פּאַך א ווײַדעלע,
פֿאלט אראָפּ א קארש.

נאָר קיינער דארף קיין קארשן ניט, —
מע הערט דאָך מײַן מוזיק,
יעדער וויל דאָס פֿידעלע
א צי טאָן מיטן סמיק!

טרײַ-לי, טרײַ-לי, מײַן פֿידעלע,
טרײַ-לי, — און שוין, אַן עק.
סע רופֿט די הון די הינדעלעך,
די פּיקערס — אויך אוועק!

מיטן שליטל

אָנגערוקט דאָס היטל,
א נעם געטאָן דאָס שליטל,
אַט דעם בארג דאָרט מיטאמאָל —
און פון דאָרט אין טאָל.

כ'קען זיך שליטלען ליגנדיק
און זיצנדיק און וויגנדיק,
אויך אף אלע פיר —
ווי סע גלוסט זיך מיר.

טוט א קרים דאָס שליטל,
פאלט אראָפּ דאָס היטל,
פאל איך אויכעט מיט,
נאָר דאָס שליטל ניט.

שליטל פאָרט אליין אוועק,
מיטן לאנגן שטריקל־עק.
טוט א גליטשע ווי א שאָל —
און סע בלייבט אין טאָל.

נאָר מיין שליטל ווארט ניט לאנג,
כ'פלי אראָפּ צו דעם — דערלאנג.
און איך הייב אָן נאָכאמאָל:
פונעם בארג — צום טאָל!

דער בער אום ווינטער

לויפט ארום א בער אין וואלד:
אַט־אָ איז שוין ווינטער באלד.

ווינטער,
ווינטער,

ווינטער גייט!
און דער וואַלד איז אָן א קלייד,
אָן א פויגל, אָן א נעסט,
גאָר א נאַקעטער פאַר פרעסט.

אין אזא מין גרויסן,
גרויסן,
קאַלטן, ווינטיקן
אינדרויסן —
הוילערהייט
אָן א קלייד!

שטעלט זיך בער באַם ברעג אוועק,
ביידע לאַפּעס אויסגעשטרעקט:
„פּעטער שנייער!
כ'בעט דיך זייער, כ'בעט דיך זייער,
ס'איז דעם וואַלד שרעקלעך קאַלט,
שיק א צודעק אַראָפּ באַלד!"

פליט דער פּעטער שנייער, פליט ער:
שיט ער, שיט ער, שיט ער, שיט ער,
פוך און פוך,
אָן א ברעג,
באַלד דעם וואַלד שוין צוגעדעקט.

לויפט צוריק אין וואַלד דער בער,
פרייל עך-דריי לעך הין און הער —
ס'פאַלט דעם וואַלד א קלייד אף ווינטער!
לויפט דער בער, און באַלד פאַרשווינדט ער.

— וווהין איז ער אנטלאָפן?
— געגאַן זיך לייגן שלאָפן!

2*

בינ יאָמין גוטיאנסקי

כ׳גיי איר נאָך

כ׳גיי איר נאָך און שרײַ און טײַנע,
כ׳ווײן, איך בעט זי, כ׳רעד איר אײַן:
— באָבע, זאָג ניט „מיר פאַר דײַנע”,
באָבע, זאָג ניט „מיר זאָל זײַן”.
כ׳בין א פּיצל, כ׳בין א ברעקל?
כ׳גיי שוין גיך אין שול אַרײַן. —
טוט זי מיך א קוש אין שטערן:
— ווייסט עס מײַן פון מיר ניט הערן.
ביסט שוין טאקע ניט קיין קליינער,
מיר זאָל זײַן פאַר דײַנע ביינער.

בא מײַן באָבע פייגל-העניע

בא מײַן באָבע פייגל-העניע
וואקסן בייגל אין דער זשמעניע.
— פייגל-העניע, העניע-פייגל
אין א זשמעניע וואקסן בייגל?
— געבאַקן.

בא מײַן זיידן פײַוול-גאָדל
וואקסן בײַוול אין דער נאָדל.
— פײַוול-גאָדל, גאָדל-פײַוול,
אין א נאָדל וואקסן בײַוול?
— אַרײַנגעסילעט.

בא מײַן מומע פּערל-װעליע
טאַנצן בערן אױף דער סטעליע.
— פּערל-װעליע, װעליע-פּערל,
אױף א סטעליע טאַנצן בערן?
— סע פליגן.

בא מײַן פעטער אַרן-שלוימען
װאַקסן באַרן אױפן קוימען.
— אַרן-שלוימע, שלוימע-אַרן,
אױף א קוימען װאַקסן באַרן?
— ס'א ליגן.

מ י א ו

א רוסיש פאָלקסלידעלע

קומט דאָס קעצעלע דאָס ראַבע
— מיאו!..
— װאָס װײַנסטו, מורקע? — פרעגט די באַבע.
— מיאו!..
— אױף זשוטשקען, קעצעלע? פאַרװאָס?
— מיאו!..
ער לעקט די סמעטענע אין קיך,
און נאָכדעם זאָגט ער, אַז ס'איז איך.
מיאו... מיאו!..

איך װיל אײַך עפּעס זאָגן

איך װיל אײַך עפּעס זאָגן, נאָר ס'זאָל זײַן א סאָד...
כ'װעל נעמען אַלע לײטערס פון דער גאַנצער שטאָט.
באַנאַכט, װען אַלע װעלן גוט אַנשלאָפן װערן,
װעל איך אַרױס פון שטוב, אַז קײנער זאָל ניט הערן.

און שטיל-שטילערהייט ארוף אַף דער לעוואַנע,
איך וועל דאָרט אויסמאָלן א פריילעך-פריילעך פּאָנעם,
מיט לאכנדיקע ציין, מיט קוטשעראַווע האָר,
און צוקלעפּן איר קורצע אויערלעך א פּאָר.
און וואָנצעס, און א בערדל מיט א שפּיץ,
פון אויבן אָנטאָן א פּאַפּירענעם שקאַרמיץ.
דערנאָך וועל איך אראָפּ, אריין אין בעט אפגיך,
און קיינער-קיינער וועט ניט וויסן, אז ס'איז איך...

מיינסט, איך הער ניט?

מיינסט, איך הער ניט, מייזל-דראַפּעלע,
ווי דו גאַנוועסט זיך צום פּלעצעלע?
שקראַבע, שקראַבע נאָך א קאַפּעלע,
לויף איך באַלד און רוף דאָס קעצעלע!

אַך און ווײ

געווען אמאָל
שלימאַזלען צוויי —
איינער אַך און איינער ווײ.

איז געקומען ווײ צו אָכן:
— ס'איז מײַן שטיבעלע צעבראָכן.
כ'האָב ניט, נעבעך, ווו צו זײַן,
כ'וויל צו דיר אין שטוב אריין.

רופט זיך אָנעט אַך צו ווייען:
— אין מײַן שטיבל ווינטן דרייען,
און ס'איז קאַלט בײַ מיר און נאַס —
לאָמיר וווינען אַף דער גאַס.

זיצן זיי,
אַך און ווײ,
אין אַ שטיבעלע פֿון שניי.

נעמען בײדע, ווײ מיט אָכן,
אין אַ טשײַניק טײ צו קאָכן.
האָט דאָס פֿײַער זיך צעברענט —
רינען ריטשקעס פֿון די ווענט.

אין אַ ריטשקעלע געפֿלאָסן,
האָט דאָס אײוועלע פֿאַרגאָסן,
און דאָס פֿײַער לעשט זיך אָפּ,
און דער טשײַניק פֿאַלט אַראָפּ.

זיפֿצן זיי,
אַך און ווײ,
ניט קײן שטיבל, ניט קײן טײ.

אַ שניי־באָבע

ס'איז אַ באָבעצע פֿון שניי,
אויגן שוואַרצע האָט זי צוויי.
און אַ מויל
פֿול מיט קויל,
און אַ קרומע נאָז אַ קלײנע,
און קײן אויערן קײן אײנעם.
איז דער באָבע זייער שלעכט,
און די באָבע איז גערעכט.
טוט זי, נעבעך, טרויערן:
ווו נעמט מען אַ פּאָר אויערן?

שיקע דריז

גיי איך, זע איך...

אָט אזוי, אָט אזוי,
כ'האָב א קאפעליוש פון שטרוי.

גיי איך, זע איך, שטייט א בויער,
און ער מויערט אונדז א מויער,

און א שלאָסער פײַלט א שלאָס,
און א גלעזער שנײַדט דאָס גלאָז,

און א בעקער באקט דאָס ברויט, —
וועגט מײַן קאפעליוש א לויט,

און איך נעם אים לײַכט אראָפּ,
און פארנייג פאר זיי מײַן קאָפּ.

אָט אזוי, אָט אזוי,
כ'האָב א קאפעליוש פון שטרוי.

גיי איך, זע איך, גייען גייער,
גלאט אזוי זיך, ליידיקגייער,

און עס דרייען זיך, ווי דריידלעך,
פוילע כעוורע, פוסטע מיידלעך.

וועגט מײַן קאפעליוש מיסטאם
שווערער פון א שטיין באם יאם.

ניט צו רירן אים מיט גוואלד —
כאַטש נעם א ביקס און שיס אים באַלד.

אַט אזוי, אַט אזוי.
כ׳האָב א קאפעליוש פון שטרוי.

א גוטע נאכט

אַנגעשפּילט זיך,
אַנגעלאָפן,
דאַרף א קינד
זיך לייגן שלאָפן.
יעדעס בלעטעלע
דאָס מינדסטע
וואַשט און צוואָגט זיך
אין דער פינצטער.
טאָר קיין ווינטעלע
ניט ווינטלען,
טאָר קיין פינטעלע
ניט פינטלען.
קיינער, קיינער
טאָר ניט שטערן
דער גרינער וועלט
נאָך שענער ווערן.
נאָר ווען אַלץ
וועט זײַן שוין פאַרטיק,
יעדער צווײַג
פאַרפוצט גרויסאַרטיק —
וועט דײַן טאָג
דיך ניט פאַרשעמען,
שטילערהייט
א שטערן נעמען,
א טשירקע טאָן

די הימל־ווײַט
און אונטערצינדן
מיזרעך־זײַט
און דיר באַלויכטן
זײַן גרינע פּראַכט.
דערווײַל, מײַן קינד,
א גוטע נאַכט!

זיבן טינטערלעך מיט טינט

וואָלט א פויגל דורכגעפלויגן,
שיק איך אים צום רעגנבויגן:
פויגל, פויגל,
ברענג געשווינד
זיבן טינטערלעך
מיט טינט.
וועל איך שרײַבן אויף פּאַפּיר
יעדעס וואָרט מיט זײַן קאָליר.
טײַך — מיט בלויען,
זאמד — מיט געלן,
גראָז — מיט גרינעם,
טאָג — מיט העלן.
נאָר דער מאַמען, ליבער פויגל,
דער גאנצער בריוו — א רעגנבויגן.

אָדער־אָדער

אָדער־אָדער
אדעראבע,
אויב מײַן באבע
איז א באבע —
וואָס זשע

טראָגט זי
פּאַגאַנעס א פּאָר?
וואָס זשע
רופט מען זי
כאַווער מאיאָר?
אָדער-אָדער
אדעראבע,
אויב מײַן באבע
איז א באבע —
ווו זשע זײַנען
אירע ברילן?
אירע פידעלער
מיט פילן?
אירע שפּיזעלער
פון שטאָל?
אירע קנײַלעכלער
מיט וואָל?
אָדער-אָדער
אדעראבע,
אויב מײַן באבע
איז א באבע —
וואָלט איך וועלן
וויסן קלאָר:
צי רופן זי באבע,
צי כאַווער מאיאָר?

איך ווייס ניט

כ׳ האָב געטראכט, געטראכט
און צוטראכטן ניט געקענט,
ווו זאָל איך אהינטאָן
ביידע מײַנע הענט.

האלט איך זיי אין קעשענע
און פיר זיך, ווי עס פאַסט —
הער איך, ווי מע שושקעט זיך:
„א לײדיקגײער װאַקסט!"

נעם איך עפּעס טאָן מיט זיי —
מאָלן אויף די ווענט, —
זע איך, ווי מע טײַט אויף מיר:
„א קינד מיט פּוסטע הענט!"

„דאָס קעצל ריר נישט אָן!"
„פּויק נישט אינעם פּעסל!"
„טומל נישט און גראַגער נישט!"
„קריך נישט, וווּ מע דאַרף נישט!"

אַז מע טאָר גאָרנישט א ריר טאָן, —
מע לאָזט נישט און מע הייסט נישט, —
איז וווּ זאָל איך אַהינטאָן
די הענט מײַנע — איך ווייס נישט!

נאַכעס

מיר האָט געשווירן
דער פעטער נאָכעם,
אַז אים האָט געשווירן
די מומע בראָכע,
אַז פאַר איר האָט זיך געשווירן,
זי געדענקט שוין נישט ווער, —
כאַים-איטשע
צי איטשע-בער,
אַז דווירעלע קאָן שוין
פון נעכטן —
די צעפּלעך
פאַרפלעכטן.

■

שטענדיק זײַן זאָל די מאמע!

(זאמלונג פון קינדערשע געמעלן)

מ., „סאָוועטסקי פּיסאטעל״, 1986, 64 זײַטן
קינסטלערישע און טעכנישע רעדאקטור —
ס. טשערניאק, נ. זאוואדסקאיא
קאָרעקטאָר כ. אָסטראָווסקי

ПУСТЬ ВСЕГДА БУДЕТ МАМА!

(СБОРНИК ДЕТСКИХ РИСУНКОВ)

М., «Советский писатель», 1986, 64 стр.
Под общей редакцией А. Вергелиса
Художественная и техническая редакция
С. Черняк, Н. Завадская
Корректор Х. Островский

Сдано в набор 26.04.86. Подписано к печати 18.06.86.
Формат 70×108$^{1}/_{32}$. Бумага типографская № 1.
Условн. печ. л. 2,8. Цена 10 коп. Заказ 1746.

Редакция журнала «Советиш геймланд»
Москва, 101000, Центр, ул. Кирова, 17.

Ордена Трудового Красного Знамени
Московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва, 121019, пер. Аксакова, 13.

Supplement to "Sovietish Heimland" No. 7, 1986

© Журнал «Советиш геймланд», 1986 г.